יהי רצון מלפניך. עס זאָלל זיין דער וויללע פֿאָר דיר גאָטט! מיין גאָטט! אונד גאָטט מיינער עלטערן! דאַס דוא מיך יעדע צייט דען רעכטען וועג פֿיהרען, אונד מיך בעהיטען זאָללסט פֿאָר דען פֿיער **כתות**, וועלכע ניכט **זוכה** זינד דיא היילינע **שכינה** צו זעהען: דיא ערסטע **כתה** בעשטעהט אויז דענען, וועלכע חנופה אויזאיבען, דיא צווייטע אויז דענען, וועלכע שקרים זאַגען, דיא דריטטע אויז דענען, וועלכע **ליצנות** אויזאיבען אונד נבול פה רעדען, דיא פֿיערטע אויז דענען, וועלכע רכילות אונד לשון הרע רעדען! אונד בעהיטע אונז אויך פֿאָר אַללערלייא ליידען אונד בייזען בעגעגנונגען, פֿאָר חרב ורעב, פֿאָר וואַססער אונד פֿייער, אונד פֿאָר גזלנים; עז זייא אין דער שטאָדט אָדער אויף דעם פֿעלד, בעהיטע אונז פֿערנער פֿאָר צער, איבערהויפט פֿאָר יעדעם בייזען, וואָפֿיר זיך אונזער הערץ פֿירכטעט, אונד גיב אונז אונזערע פרנסה בכבוד אָהנע זאָרגען, וויא אויך **אריכות** ימים ושנים; דאַס וויר אונזערע יאַהרע אונד טאַגע אויסלעבען אונד אונזערע צייט אין עהרע אונד פֿריידען צובריינגען זאָללען. שיקקע אונז קיינע זאָרגען, קיינע אַנגזט אונד קיינע קראַנקונגען צו, וועדער מיר, נאָך מיינעם מאַן אָדער מיינען קינדערן אונד אַנפֿערוואַנדטען, אונד לאַס מיך זוכה זיין, מיינע קינדער צו ערציעהען **לתורה לחופה ולמעשים** טובים, אונד לאַס מיך פֿיעל פֿריידען אַן דען איניגען ערלעבען. אָך **רחמים**! באַרמהערציגער פֿאַטער! **שיקקע** אונז **הילפֿע** אונד טראָזט, גיב אונז **פרנסה**, אונד מאַכע, דאַס וויר געשפייזעט ווערדען פֿאָן דיינער מילדען טרייען האַנד אונד ניכט פֿאָן דער גוטהאַטיגען האַנד איינעז מענשען, דאַס זיך אונזערע פֿיינדע ניכט איבער אונז פֿרייען אונד **נקמות** אַן אונז ערלעבען זאָללען; אונד לאַס ניכט איבער אונז הערשען דען יצר הרע, דאַמיט וויר זאָללען פֿאָר דיר **בעשטעהען** קאָננען צו בעפֿאָלגען דיא **תורה** אונד **מצות**; וויא וואָהל איך שאָן פֿיעלע **עבירות** געטהאַן האַבע. — וועהע מיר! איך בין **מתודה** אונד בעקעננע מיינע גראָסע חטאים, **עונות** ופשעים, דיא איך בעגאַנגען האַבע געגען דיינעם היילינען נאַמען אַללע טאַגע מיינעז לעבענז. — אל שדי! ואל רחמים! איך בין פֿאָללער זינדען אונד דוא ביזט פֿאָללער גנאַדע אונד באַרמ-הערציגקייט; דעסוועגען ביטטע איך דיך, ליעבער גאָטט! דאַס דוא מיר מוחל זיין זאָללסט אַללע מיינע זינדען, אונד גיב, דאַס איך פֿערשטאַנד האַבע, נאָך **מתודה** צו זיין פֿאָר מיינעם טאָד. אונד זייא אונז איממער דן

לאנג זכות, דאַמיט וויר פֿאָר דיר זאָללען בעשטעהען קאָננען, ווען וויר פֿאָן דיעזער וועלט שיידען, אום צו קאָממען פֿאָר דען דין הגדול והנורא; אונד ערלייזע אונז אויסער חסד ורחמים וועגען דעז זכות אונזערער עלטערן.

יח. דיעזע תחנה זאָגע מאַן יעדען טאַג.

אנא אלהי אברהם! איך ביטטע דיך, גאָטט אברהם׳ז! פֿערנים מיין געבעט, זאָוואָהל דאַז, וואַז איך פֿאָר דיר שאָן געבעטעט האַבע, אַלז דאַז, וואַז איך נאָך פֿאָר דיר בעטען ווערדע. ערהאָרע מיך, וויא דוא ערהאָרט האַסט דיא תפלה פֿאָן כל ישראל צור צייט, ווען זיא אין צרות געוועזען זינד. דוא האַסט איהנען צו יעדער צייט, ווען זיא זיך אין איינער צרה בעפֿונדען האַבען, געהאָלפֿען; זאָ העלף מיר אויך, אונד ערהאָרע מיך, ווען איך דיך אַנרופֿע אין מיינען נאָטהען. זיעהע אויך מיינען צער, אונד לאַס מיינע תפלה דיר זאָ אַנגענעהם זיין, אַלז ווען איך האַטטע איין קרבן פֿאָר דיר געבראַכט, אונד שיקקע אונז באַלד אונזערן גואל צדק — אמן סלה.

יט. דיעזע תפלה זאָלל יעדע פֿרויא מתפלל זיין, אום צו האַבען בנים זכרים צדיקים אונד תלמידי חכמים.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַכֵּנִי לְהוֹלִיד בָּנִים זְכָרִים·

הערר דער גאַנצען וועלט! לאַס מיך זוכה זיין צו האַבען בנים זכרים.

לִלְמוֹד תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה לִשְׁמָהּ בְּרִיאִים בְּגוּפָם וּבְשִׂכְלָם.

דיא דאַ לערנען זאָללען דיינע תורה, דיינעז הייליגען נאַמענז וועגען, אונד זאָללען געזונד זיין אַן גוף אונד הייטער אַן שכל.

בַּעֲלֵי מִדּוֹת טוֹבוֹת בַּיְשָׁנִים רַחֲמָנִים גּוֹמְלֵי חֲסָדִים·

זיא זאָללען אַן זיך גוטע מדות האַבען אונד מעשים טובים אויז־איבען; בעזאָנדערז זאָללען זיא דיא דרייא גוטען אייגענשאַפֿטען (מדות) ציערען, וועלכע דיא ציערדע פֿאָן ישראל אויזמאַכען, זיא זאָללען ש אַ מ ה אַ פֿ ט, ב אַ ר מ ה ע ר צ י ג, אונד וו אָ ה ל ט ה ע ט י ג געגען יעדען מענשען זיין.

וְצַדִּיקִים וְיִרְאֵי אֱלֹהִים כְּאַבְרָהָם וּמְקַדְּשֵׁי שִׁמְךָ כְּיִצְחָק·

זיא זאָללען פֿראָם אונד גאָטטעזפֿירכטיג זיין, וויא עז אברהם אבינו עליו השלום וואַר, אונד דיין נאַמע זאָלל דורך זיא געהייליגט ווערדען, וויא ער איזט געהייליגט וואָרדען דורך יצחק עליו השלום.

וּתְמִימִים יוֹשְׁבֵי אֹהָלִים כְּיַעֲקֹב וּמַאֲמִינִים בְּלֵב שָׁלֵם·

זיא זאָללען פֿלייסיג אין בית המדרש זיין אום תורה צו לערנען, וויא יעקב אבינו עליו השלום; אונד זיא זאָללען גלויבען מיט איהרעם גאַנצען הערצען.

בְּכָל תּוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבִנְבִיאִים הַקְּדוֹשִׁים.

זיא זאָללען גלויבען דיא גאַנצע תורה פֿאָן משה רבינו עליו השלום, אונד אַללעז, וואַז דיא הייליגען נביאים געזאַגט האַבען.

וְחַכְמֵי הָאֱמֶת וְתוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה.

אונד אַללעס, וואַס אונזרע **חכמי האמת** זכרונם לברכה געזאַגט האַבען, דאַס איסט דיא **תורה שבעל פה**, וועלכע דיא **תנאים** אונד אמוראים געמאַכט האַבען.

וְכָל מִצְוֹת דְּרַבָּנָן יְקַיְּמוּ בֶּאֱמוּנָתָם מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם·

אויך אַללע מצות דרבנן, וועלכע אונזערע **חכמים** האַבען **מתקן** געוועזען, זאָללען זיא האַלטען אונד בעפאָלגען; איבערהויפט זאָלל איהר הערץ פיעל קראַפט האַבען צו דיינעם הייליגען דיענסט, אום צו בעאָבאַכטען, וואַס אין דיינער הייליגען **תורה** געשריעבען שטעהט.

כְּמוֹ שֶׁהָיָה לְבַב יִשְׂרָאֵל בְּשָׁעָה שֶׁעָמְדוּ עַל הַר סִינַי וְעָנוּ וְאָמְרוּ׃

ווי דאַס הערץ פאָן **כל** ישראל וואַר, צור צייט, אַלס זיא געשטאַנדען זינד ביי'ם בערג סיני, אום דיא **תורה** מקבל צו זיין; דאַמאַלס זאַגטען זיא מיט גאַנצעם הערצען:

כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יְיָ נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע· וְלֹא יִבְעֲטוּ בָנַי·

אַללעס, וואַס גאָטט דער אַללמעכטיגע געזאַגט האַט, וואָללען וויר טהון אונד בעפאָלגען. — אויך זאָללען מיינע קינדער ניכט ווידערשפענסטיג זיין

בְּקוֹל הוֹרִים וּמוֹרִים אֶלָּא מְכַבְּדִים וִירֵאִים אוֹתָם·

געגען איהרע עלטערן אונד לעהרער; זאָנדערן זיא זאָללען דיאזעלבען אין גראָסטעם כבוד האַלטען, אונד עהרפורכט פאָר איהנען האַבען.

וְיִהְיוּ לָהֶם אָזְנַיִם שׁוֹמְעוֹת תּוֹכַחַת חַיִּים וּבְקֶרֶב חֲכָמִים יָלִינוּ·

אונד מיינער קינדער הערץ אונד אָהרען זאָללען איממער גענייגט זיין אויפצונעהמען דיא צורעכטווייזונג איהרער לעהרער, אונד מיט **תלמידי חכמים** אונד לומדים זאָללען זיא אומגאַנג האַבען; דאַמיט זיא יעדע צייט איהרע **מעשים** טובים לערנען זאָללען.

וִיהִי לָהֶם לֵב רָחָב וְשֵׂכֶל טוֹב וְזִכִירָה טוֹבָה וְקַיֶּמֶת·

זיא זאָללען פערנער, האַבען איין הערץ פאָלל פערלאַנגען נאַך ערלערנען דער **תורה**, אונד איינען גוטען ריינען **שכל** צו פערשטעהען דיינע ליעבע **תורה** אונד **מצות**, אונד איינען גוטען זכרון, דאַמיט זיא אַללעס דענקען זאָללען.

לִשְׁמוֹר הַחָכְמָה לַעֲבוֹדָתֶךָ, וּבְרִיאִים בְּכָל אֲבָרֵיהֶם כְּדֵי לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בָּהֶם לַעֲבוֹדָתֶךָ׃

זיא זאָללען בעניטצען איהרען פערשטאַנד אונד איהרע **חכמות** צו דיינעם הייליגען דיענסט, אונד זאָללען אַללע צייט דענקען אַן דיינע הייליגע **תורה**, אונד זיא זאָללען איממער געזונד אונד **פריש** זיין; דאַמיט זיא פערריכטען קאָננען דיינען הייליגען דיענסט.

בְּלֵב שָׁלֵם בְּאַהֲבָה וְחֵשֶׁק וְרָצוֹן בְּתוֹרַת יְיָ·

מיט איהרעם גאַנצען הערצען; מיט ליעבע, לוסט אונד ווילען זאָללען זיא אויסאיבען דיינע הייליגע **תורה**.

וּבָהּ יֶהְגּוּ יוֹמָם וָלַיְלָה וְלֹא יֵצֵא עֲלֵיהֶם שֵׁם רָע לְעוֹלָם·

אונד אין דיינער **תורה** זאָללען זיא לערנען טאַג אונד נאַכט, אונד עס

זאָללען ניכט אויך זיא אויסקאָממען אין איהרען לעבען אין שום רע אָדער אין בעזע: קול חס ושלום;

רַק יִהְיוּ אֲהוּבִים לְמַעְלָה וְנֶחֱמָדִים לְמַטָּה וְכָל רוֹאֵיהֶם יַכִּירוּם כִּי הֵם זֶרַע בֵּרַךְ יְיָ, וְיֵאָמֵר עֲלֵיהֶם: בָּרוּךְ שֶׁזֶּה יָלַד, בָּרוּךְ שֶׁזֶּה גִּדֵּל.

זאָנדערן זיא זאָללען געלאָבט אונד געליעבט זיין, פאָן דיר גאָטט! אים הימעל אונד פאָן דען מענשען אויף ערדען; דאַמיט אַללע, דיא מיינע קינדער זעהען ווערדען, גלייך ערקעננען זאָללען, דאַס זיא פאָן גאָטט געזעגנעט זינד, אונד זאָללען אויך זיא זאַגען: געזעגנעט זינד דיא עלטערן, דיא זיא געבאָרען, געזעגנעט זינד דיא עלטערן דיא זיא ערצאָגען האַבען.

וְיִהְיוּ בָנַי כְּעֵץ שָׁתוּל עַל פַּלְגֵי מַיִם אֲשֶׁר פִּרְיוֹ יִתֵּן בְּעִתּוֹ.

אונד מיינע קינדער זאָללען זיין וויא איין בוים, דער געפפלאַנצט איזט אַן איינעם באַך, וועלכער פריכטע גיבט אין זיינער צייט.

וְעָלֵהוּ לֹא יִבּוֹל וְכֹל אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה יַצְלִיחַ.

אונד דעסען בלעטטער ניכט צו פריה וועלקען, אונד אין אַללען איהרען עסקים אונד מעשים זאָללען זיא גליקליך זיין.

וְיִהְיוּ בָנַי כִּשְׁתִלֵי זֵתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנִי.

אונד מיינע קינדער זאָללען אַללע צייט אום מיינען טיש געפפלאַנצט זיין, וויא יונגע צווייגע איינעס אָלבוימס.

וְתַאֲרִיךְ נָא בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים שְׁנוֹתַי וּשְׁנוֹת בַּעֲלִי וּשְׁנוֹת בָּנַי.

אַללמעכטיגער גאָטט! פערלענגערע מיט דיינער גראָססען גנאַדע אונד בּאַרמהערציגקייט מיינע יאַהרע אונד דיא יאַהרע מיינעס מאַננעס אונד מיינער קינדער.

וּתְזַכֶּה אוֹתָנוּ שֶׁיִּוָּלֵד עַל בִּרְכֵּנוּ דוֹר רְבִיעִי. וְקַיֵּם בְּזַרְעֵנוּ

אונד דוא זאָללסט אונס לאַססען זוכה זיין, דאַס אויף אונזערעם שאָאָס זאָללען געבאָרען אונד ערצאָגען ווערדען פיער דורות; אונד עס זאָלל בעשטעטיגט ווערדען אַן מיינען קינדערן,

בִּרְכַּת אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם: כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ.

דיא ברכה פאָן אברהם אבינו עליו השלום, דאַס דוא איהן געזעגנעט האַסט, דאַס זיין זאַאַמען זיך מעהרען אונד זאָ פיעל זיין זאָלל, וויא דיא שטערנע אַם הימעל.

וְנִזְכֶּה לְגַדְּלֵם בְּאֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

אונד וויר זאָללען זוכה זיין, אונזערע קינדער צו ערציעהען אין ארץ ישראל דעם היילִיגען לאַנד, מיט היילִיגקייט אונד ריינהייט.

וּכְיִצְחָק יִקָּרֵא לָהֶם זֶרַע קֹדֶשׁ מַטָּע לְהִתְפָּאֵר, וּבְבִרְכַּת יַעֲקֹב יִירְשׁוּ נַחֲלָתָם בְּלִי מְצָרִים, וְיִהְיוּ מְעֻטָּרִים בְּכֶתֶר תּוֹרָה.

אונד אונזערע קינדער זאָללען גענאַננט ווערדען איין היילִיגער זאַאַמען

גלייכוויא אונזער פאטער יצחק עז געוועזען איזט, אונד דיא פפלאנצען איי-נעז נאמענז: זאללען בייא יעדעם לאב אונד רוהם פינדען; זיא זאללען אויך געזעגנעט זיין מיט דער ברכה, וואמיט יעקב אבינו עליו השלום געזעגנעט ווארדען איזט, מיט איינעם ערבטהייל אהנע גרענצען, אונד זיא זאללען געציערט זיין מיט דער קראנע דער **תורה**.

לְזַכּוֹת הָרַבִּים לְשֵׁם שָׁמַיִם וְלֹא בְּגַאֲוָה, וְיִהְיוּ מְבוֹרָכִים בַּעֲשִׁירוּת׃

דאס זיא זאללען **זוכה** זיין, לומדין צו ווערדען, אום **מזכה רבים** צו זיין מיט דער **תורה**, דיינעז היילינען נאמענז וועגען, אבער ניכט **חלילה** אויז גאווה; אויך זאללען זיא וואהלהאבענד זיין.

שֶׁלֹּא יִצְטָרְכוּ לְהַלְוָאַת בָּשָׂר וָדָם וְלֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם׃

דאמיט זיא ניכט בעדירפען איינער אנלייהע אדער איינעז געשענקעז פאן איינעם מענשען.

וִיהְיוּ כֹּהֲנִים מְשָׁרְתֵי יְיָ כְּמוֹ בְּנֵי דָוִד כֹּהֲנִים הָיוּ וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב׃

זיא זאללען אויך אין דער גאטטעספורכט זא צונעהמען, דאס מאן זאגע, עז געביהרט איהנען דיא כהונה; זיא זאללען נעמליך דיענער גאטטעז זיין, וויא עז וואַרען דיא קינדער פאן דוד המלך, אונד וויא אים פסוק געשריעבען שטעהט.

וְאַתֶּם כֹּהֲנֵי יְיָ תִּקָּרֵאוּ, וְיִהְיֶה כֶּתֶר שֵׁם טוֹב עוֹלָה עַל גַּבֵּיהֶן׃

איהר זאללט גענאננט ווערדען: כ ה נ י ם, ד י ע נ ע ר ג א ט ט ע ז — אונד זיא זאללען דען גרעסטען שמוקק האבען נעמליך איינען שם טוב, דער מעהר ווערטה איזט, אלז אללע קראנען, אונד איהר שם טוב זאלל וויט אונד בריט געהערט ווערדען.

וְלֹא יִשְׁלוֹט בָּהֶם יֵצֶר הָרַע וְלֹא עַיִן הָרַע כְּמוֹ יוֹסֵף הַצַּדִּיק עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

עז זאלל וועדער יצר הרע, נאך עין הרע איבער זיא הערשען, וויא קיינעז פאן ביידען, געהערשט האט איבער יוסף הצדיק עליו השלום.

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁבֵּרַךְ יַעֲקֹב לְבָנָיו שֶׁל יוֹסֵף׃

וויא עז געשריעבען איזט אין דיינער היילינען **תורה**, דא יעקב אבינו עליו השלום געזעגנעט האט דיא קינדער פאן יוסף הצדיק, דאס זיא זיך מעהרען זאללען, וויא דיא פישע אים וואססער — ער האט אויך צו איהנען געזאגט:

הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃

דער מלאך, דער מיך ערלעזט האט פאן אללעם בעזען, זאלל אויך בע-היטען דיא יונגען, אונד זאלל זיא בעהיטען פאר אללעם בעזען, אונד זיא זאללען נאך מיינעם נאמען אונד דעם נאמען מיינער עלטערן אברהם אונד יצחק גענאננט ווערדען, אונד דער זאלל איהנען בייאשטעהען.

וְתַצִּילֵם מִכָּל חֳלָיִים וּנְגָעִים רָעִים הַמִּתְרַגְּשׁוֹת לָבוֹא לָעוֹלָם׃

אונד דוא זאללסט זיא בעהיטען פאר אללען קראנקונגען, פאר אללען בעזען פלאגען אונד פאר אללען בעזען בעגעגניססען.

וּבָרֵךְ אֶת לַחְמָם וְאֶת מֵימָם וְקַיֵּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב:

אונד דוא זאָללסט זעגנען איהרע **שפּייזע** אונד טראַנק מיט אַללען זעגנונגען, אונד זאָללסט בעשטעטיגען אַן מיינען קינדערן דען פסוק:

אֲשֶׁר בָּנֵינוּ כִּנְטִיעִים מְגֻדָּלִים בִּנְעוּרֵיהֶם בְּנוֹתֵינוּ כְזָוִיּוֹת מְחֻטָּבוֹת תַּבְנִית הֵיכָל.

אונזערע זאָהנע ווערדען זיין גלייך פּפלאַנצען, וועלכע אויפשפּראָסען אין איהרער יוגענדקראַפט, אונד אונזרע טאָכטער ווא דיא ווינקעלפערליערונגען אין שטיינערנען פּאַלאֶעסטען.

אָנָּא יְיָ אֱלֹהֵינוּ זַכֵּנוּ לְקַיֵּם מָה שֶׁצִּוִּיתָנוּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה:

איך ביטטע דיך גאָטט! מיין גאָטט! לאַס מיך זוכה זיין צו האַלטען, ווא דוא אונז געבאָטען האַזט אין דיינער הייליגען **תורה**:

וְלִמַּדְתֶּם אֶת בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם וִיקֻיַּם בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב:

אונד איהר זאָללט לעהרען איירע קינדער מיינע **תורה** אונד **מצות**; דאַז- מיט זיא וויסען זאָללען צו האַלטען מיינע געבאָטע. — אונד אַן מיר ווערדע בעשטעטיגט דער פסוק:

וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְיָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם.

אונד מיינע רעדע, דיא **תורה**, דיא איך געלעגט האַבע אין דיינען מונד, זאָלל ניכט אַבקאָממען, וועדער פאָן דיינעם מונד, נאָך פאָן דעם מונדע דיינער קינדער (זאָ האַט גאָטט געזאַגט) פאָן יעטצט ביז עוויג.

וְיִהְיוּ בָנַי מוֹרֵי הוֹרָאוֹת כְּשֵׁרוֹת בְּיִשְׂרָאֵל לְשֵׁם שָׁמָיִם.

אונד מיינע קינדער זאָללען זיין מורי **הוראות**, דאַז הייסט, זיא זאָללען אונטער ישראל פאָן גאָטטעס וועגען אין איסור והיתר פסקים געבען.

וְלֹא יִכָּשְׁלוּ בְּהוֹרָאָתָם וְלֹא יַטּוּ יָמִין וּשְׂמֹאל מִדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר.

אונד זיא זאָללען ניכט פעהלען אונד שטרויכלען אין איהרער הוראה, אונד זאָללען אַללע טאַגע איהרעז לעבענז בלייבען אויף דעם רעכטען וועג, ניכט אַבצווייכען רעכטז אָדער לינקז פאָן דיינען הייליגען **מצות** אונד פאָם רעכטען וועגע איבערהויפּט.

מִכָּל דְּבַר שֶׁקֶר יַרְחִיקוּ וְלֹא יִמָּצֵא בָם מוּם.

פאָם ליגען אונד זאָנזט אַנדערן פאַלשהייטען זאָללען זיא זיך ענט- פערנען; עז זאָלל אַן איהנען ניכט געפונדען ווערדען אירגענד איין מום.

וְלֹא מִדָּה רָעָה מִקְּטַנִּים וְעַד גְּדוֹלִים וְיִהְיוּ בָנַי מֵאוֹתָם שֶׁכָּתוּב בָּהֶם:

אונד קיינע מדה רעה **חס ושלום** פאָן דער גראָססטען ביז צור קליינסטען, אונד מיינע קינדער זאָללען זיין דיאיעניגען, פאָן דענען איין פסוק **שטעהט**:

מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ מִי יִשְׁכּוֹן בְּהַר קָדְשֶׁךָ.

ווער איזט ווירדיג צו וואָהנען אין דיינעם צעלטע? (דאַז הייסט איין

משכן), אונד ווער איזט ווירדיג צו רוהען אויף דעם היילִיגען בערגע פֿאָן דיינעם **בית המקדש**?

הוֹלֵךְ תָּמִים וּפוֹעֵל צֶדֶק וְדוֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ לֹא רָגַל עַל לְשֹׁנוֹ.

דער אויפֿריכטיג מיט גאָטט איזט, ווער גערעכטיגקייט אויזאיבט, אונד רעדעט מיט וואַהרהייט פֿאָם הערצען; דאַז הייסט, ער רעדעט אויפֿ-ריכטיג אונד מיינטע עז מיט דעם הערצען ניכט פֿאַלש, ער בריגגט קיין **רכילות** אַן אונד רעדעט קיין לשון הרע.

לֹא עָשָׂה לְרֵעֵהוּ רָעָה וְחֶרְפָּה לֹא נָשָׂא עַל קְרוֹבוֹ.

ער טהוט זיינעם **חבר** קיין בעזעז אונד קיינע **חרפה** אַן, אונד לעזטערט ניכט זיינען קרוב, דאַז הייסט, ווען ער זיעהט, דאַס זיין פֿריינד וואַז אונרעכט טהוט, ערמאַהנט ער איהן, זאָ דאַס מאַן נאַכהער איהם ניכטז בעזעז נאַכזאַגען קאַן; דאַמיט, ווען ער איינען אַנדערן איבער איין אונרעכט צור רעדע שטעללט, מאַן ניכט זאַגען קעננע: וואַרום האַט דוא דיינען קרוב ניכט צור רעדע געשטעללט? זאָ איינע **חרפה** קאַן מאַן איהם ניכט אַנטהון, וויל ער **באמת** זיינען קרוב יאַ ערמאַהנט האַט. — דערזעלבע, דער דיעזעז טהוט, איזט **ראוי** צו וואָהנען אין גאָטטעז צעלט, זאָ אויך זאָללען מיינע קינדער זיין, דוא ליעבער אַללמעכטיגער גאָטט!

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁאוֹלִיד בָּנִים וּבָנוֹת וְלֹא יָמוּת אֶחָד מִבָּנַי בְּחַיָּי,

עז זאָלל זיין דער ווילע פֿאָר דיר גאָטט! מיין גאָטט! אונד גאָטט מיי-נער עלטערן! דאַס איך געבעהרען מעגע זעהנע אונד טעכטער, אונד עז זאָלל קיינעז שטערבען בייא מיינעם לעבען.

וְלֹא בְחַיֵּי בַעְלִי וְלֹא יָמוּת אַחַת מִבְּנוֹתַי בְּחַיֵּינוּ.

אויך ניכט בייא מיינעז מאַננעז לעבען, אויך זאָלל קיינע פֿאָן אונזערן טעכטערן שטערבען וועדער בייא מיינעם לעבען, נאָך בייא מיינעז מאַננעז לעבען.

וְאֶקַּח נָשִׁים לְבָנַי וְלֹא יָמוּתוּ נְשֵׁיהֶם מִקּוֹצֶר שָׁנִים.

אונד איך זאָלל ווייבער בעקאָממען פֿיר מיינע זעהנע. אונד איהרע ווייבער זאָללען ניכט שטערבען נאָך קורצען יאַהרען **אויה**.

וְאֶזְכֶּה לְהַשִּׂיא בְּנוֹתַי לַאֲנָשִׁים הֲגוּנִים צַדִּיקִים וְתַלְמִידֵי חֲכָמִים.

אונד וויר זאָללען אויך **זוכה** זיין, צו געבען אונזערן טעכטערן מעננער, דיא דאַ זיין זאָללען גוטע אונד עהרליכע לייטע, צדיקים אונד **תלמידי חכמים**.

וְלֹא יָמוּתוּ בַּעֲלֵיהֶן חָלִילָה בְּקוֹצֶר שָׁנִים רַק יַאֲרִיכוּ יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתֵיהֶם לְאוֹרֶךְ יָמִים וְשָׁנִים. וְלֹא יִפְטוֹר בַּעְלִי בְּבַחֲרוּתִי.

אונד איהרע מעננער זאָללען ניכט **אויה** שטערבען נאָך קורצען יאַהרען; זאָנדערן זיא זאָללען בייאזאַממען לעבען לאַנגע יאַהרע אין גראָסען פֿריידען — אַללמעכטיגער גאָטט! פֿערלענגערע אויך דאַז לעבען מיינעז מאַננעז, דאַס

ער ניכט חלילה שטערבען זאָלל נאָך קורצען יאָהרען; זאָנדערן וויר זאָללען זוכה זיין מיט איינאַנדער צו מוטערן בייא אונזערן קינדערן אין גראָסען פריידען.

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁתְּזַמִּין לְכָל בָּנַי אֶת בַּת זוּגוֹ וּלְכָל אַחַת מִבְּנוֹתַי אֶת בֶּן זוּגָהּ·

עס זייא דיין וויללע, גאָטט מיין גאָטט! אונד גאָטט מיינער עלטערן! דאַס דוא זאָללסט בעשטעררען יעדעם מיינער זאָהנע זיינע רעכטע בת זוג, וועלכע דוא אַללמעכטיגער גאָטט איהם בעשטיממט האַסט, שאָן אין אַנפאַנג זיינער ענטשטעהונג אין מוטטערלייב; אונד אַללען מיינען טעכטערן זאָללסט דוא אויך בעשטעררען, יעדער איהרען רעכטען בן זוג,

הַמְיוּחָד לְכָל אֶחָד מֵהֶם, וְלֹא יַקְדִּימֵם אַחֵר·

וועלכע דוא אַללמעכטיגער גאָטט! איהנען בעשטיממט האַסט, עהע זיא נאָך זינד ערשאַפפען וואָרדען; אונד עס זאָלל קיין אַנדערער איהנען צופאָר קאָממען אונד איהרען בן זוג וועגנעהמען.

וְלֹא יִדָּחוּ מִפְּנֵי אֲחֵרִים, וְיִוָּלְדוּ בָנַי וּבְנוֹתַי בְּשָׁעָה טוֹבָה וּבְמַזָּל טוֹב:

אונד זיא זאָללען ניכט חלילה פערשטאָסען ווערדען וועגען אַנדערער — איבערהויפט זאָללען מיינע זאָהנע אונד טאָכטער געבאָרען זיין אין איינער גוטען שעה אונד אין איינעם גוטען מזל.

יִפְעֲלוּ הַכֹּל לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה, וְזַכֵּם בִּבְנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי·

זיא זאָללען אַללעס אונטערנעהמען צום גוטען אונד צום זעגען אונד זייא זיא זוכה מיט קינדערן וועלכע לאַנגע לעבען זאָללען; אונד לאַס זיא זיך מפרנס זיין בכבוד, דאַס זיא איהרע פרנסה האַבען זאָללען בריוח בנחת ובהיתר פאָן דיינער האַנד.

וְלֹא יֶחְסַר לָהֶם מָזוֹן וָטֶרֶף בְּבֵיתָם, וְתַצִּילֵם מִמְּאוֹרָעוֹת קָשׁוֹת·

עס זאָלל איהנען ניכט מאַנגעלן פרנסה פיר איהר הויזגעזינד זאָ לאַנגע זיא לעבען ווערדען; אונד בעהיטע זיא פאָר אַללען איבלען ערייגניסען.

וּמִמִּקְרִים רָעִים הַבָּאִים לָעוֹלָם, וְתַצִּילֵם מִיֵּצֶר הָרָע.

אונד פאָן אַללען בעזען צופעללען וועלכע צוויילען אין דיא וועלט קאָממען, זיא אויך פאָר דעם יצר הרע, דאַס ער זיא ניכט פערלייטען זאָלל צום זינדיגען.

וְתַשְׁכֵּן בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְרֵעוּת וְשָׁלוֹם וְכֵן בֵּין כָּל קְרוֹבֵינוּ:

לאַס אויך זיין צווישען מיר אונד מיינעם מאַננע, וויא אויך צווישען מאַן אונד וויב בייא אַללען מיינען קינדערן, לויטער פערטרעגליכקייט, ליעבע אונד פריינדשאַפט; זאָ אויך צווישען אַללען אונזערן פערוואַנדטען.

וְנִזְכֶּה לָזוּן אֶת בָּנֵינוּ בְּקַטְנוּתָם בְּכָבוֹד בְּלִי חֶרְפָּה וּבִזָּיוֹן·

אונד וויר זאָללען זוכה זיין אונזערע קינדער צו פערפלעגען זאָ לאַנגע זיא נאָך קליין זינד, מיט גראָסעם כבוד, אָהנע שאַנדע.

וְתִהְיֶה תּוֹרָתָם אֻמָּנוּתָם בְּכָבוֹד וִיבַלּוּ יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתֵיהֶם בַּנְּעִימִים.

אונד לאַס איהר טהון זאָלל זיין נאָך תורה ומצות אונד לויטער מעשים טובים בכבוד, אונד זיא זאָללען איהרע יאָהרע צובריננגען אין פראָהליכעם לעבען.

בְּתוֹרָה בְּמִצְוֹת וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים וּמְלַאכְתָּם וְכָל עִסְקֵיהֶם יִתְבָּרְכוּ וְלֹא יִצְטָרְכוּ לַבְּרִיּוֹת.

אין **תורה מצות** אונד מעשים טובים, אונד אין אַלל איהרער **מלאכה** אונד **משא ומתן** זאָללען זיא **מצליח** זיין אַלל איהר לעבטאַג, דאַס זיא קיינע מענשען אונטערשטיטצונג בעדירפֿען זאָללען.

וְאֶזְכֶּה לִרְאוֹתָם בְּשִׂמְחָה וְלֹא יִהְיֶה בָּהֶם עָקָר וַעֲקָרָה וּמְשַׁכֵּלָה.

אונד איך זאָלל זוכה זיין מַן איהנען **שמחות** צו זעהען, אונד זיא זאָללען ווייטער זוכה זיין **שמחות** אַן איהרען קינדערן צו זעהען, אונד עז זאָלל אונ־טער איהנען קיינע אונפֿרוכטבאַרקייט **חס** **ושלום** זיין, אָדער איינע דיא איהרע קינדער ניכט אויסטראַגען זאָללטע, אָדער דיא **חס** **ושלום** **מפיל** וואָרע פֿאָר דער צייט; זאָנדערן איהרע פֿרוכט זאָלל געזעגנעט זיין פֿאָן גאָטט.

וְיִמְצְאוּ חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם.

אונד זיא זאָללען פֿינדען גנאַדע אונד לייטזעליגקייט אין גאָטטעס אויגען, אונד אין דען אויגען אַללער מענשען מיט דענען זיא אומגעהען ווערדען.

וְלֹא נַעֲזוֹב אוֹתָם בְּיַד אֲחֵרִים חַס וְשָׁלוֹם.

אונד וויר זאָללען אונזרע קינדער ניכט **חס** **ושלום** פֿערלאַסען אין פֿרעמדען הענ־דען; זאָנדערן, דוא ליעבער גאָטט! זאָללסט אונז בייא איהנען לעבען לאַסען;

וּתְחַזֵּק לִבָּם שֶׁיִּהְיוּ שׁוֹמְעִים בְּקוֹל אֲבִיהֶם וְאִמָּם וְרַבָּנֵיהֶם.

אונד דוא זאָללסט **שטאַרקען** דאַס הערץ פֿאָן **מיינען** קינדערן, דאַס זיא זאָללען געהאָרכען אונד בעפֿאָלגען דיא **שטיממע** איהרעס פֿאַטערס, איהרער **מוטטער** אונד איהרעס לעהרערס.

וְגַם קָטָן יִשְׁמַע לְגָדוֹל וִיכַבְּדוּ זֶה אֶת זֶה.

אויך דער יינגערע אונטער איהנען זאָלל דעם עלטערן פֿאָלגען אונד איבערהויפט איינער דען אַנדערן בכבוד האַלטען.

וְיִהְיֶה טוֹב וְנָעִים שִׁבְתָּם בְּאַהֲבָה. גַּם תִּהְיֶינָה בְּנוֹתַי נָאוֹת וְיָפוֹת בַּעֲלוֹת חֵן וָחֶסֶד.

אונד זיא זאָללען גוט אונד איינִיג מיט איינאַנדער זיין מיט ליעבע. מיינע טעכטער זאָללען אויך זיין **היבש** אונד אַנגענעהם. אונד זאָללען פֿינ־דען גנאַדע אונד לייטזעליגקייט אין דיינען אונד אין אַללער לייטע אויגען.

וּבַעֲלוֹת שֵׂכֶל טוֹב, וְיִהְיוּ צְנוּעוֹת צִדְקָנִיּוֹת וַחֲסִידוֹת.

אונד זיא זאָללען אויך איינען געזונדען פֿערשטאַנד האַבען, אונד זאָללען זיין צנועו**ת** צדקניות וחסידו**ת**.

וְתִהְיֶינָה מְעֻטָּרוֹת בְּמַעֲלוֹת וּבְמִדּוֹת טֹבוֹת, וְתִהְיֶינָה שְׁלֵמוֹת בְּלִי מוּם, וּבָרֵךְ אֶת מַעֲשֵׂה יָדֵינוּ.

אונד זיא זאָללען געשמיקקט אונד געציערט זיין מיט לויטער קענטליכען **מדות טובות**, אונד זאָללען ניכט אונגעלאָגען זיין; זאָנדערן איממער ליכטיג

צו הויזע בלייבען, דען דער כבוד פֿאָן איינער בת ישראל איזט, ווען זיא צו הויזע בלייבט, אונד זיך ניצליך אויפֿפֿיהרט. זיא זאָללען אויך איינע געזונדען אונד גוט געוואַקסענען גוף האַבען, דאַס זיא אַלזאָ קיינען מום האַבען. — אַללמעכטיגער גאָטט! זעגנע דיא ווערקע פֿאָן אונזערן הענדען דאַס וויר גליקליך זיין זאָללען, וואָהין וויר אונז קעהרען אונד ווענדען.

כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לְהַרְבּוֹת לְבָנֵינוּ מֹהַר וּמַתָּן כָּרָאוּי לִבְנֵי גִילָן׃

דאַמיט וויר זוכה זיין זאָללען אונזרע קינדער רייכליך פֿערזאָרגען צו קענען, וויא עס רעכט איזט צו איהרעם מזל.

וּמֵהֶם יֵצְאוּ פֵּירוֹת טוֹבוֹת בָּנִים צַדִּיקִים זוֹכִים וּמְזַכִּים לְכָל יִשְׂרָאֵל אָמֵן׃

אונד וויר זאָללען זוכה זיין, דאַס פֿאָן איהנען געבאָרען ווערדען לויטער צדיקים, חסידים אונד תלמידי חכמים, דיא דאַ פֿראָם זיין זאָללען אונד זאָללען ווייטער מזכה רבים זיין, אמן.

אָנָּא יְיָ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים׃

איך ביטטע דיך, גאָטט! מיט דיינער גראָססען באַרמהערציגקייט.

וּבַחֲסָדֶיךָ הַגְּדוֹלִים שֶׁתְּזַכֵּנִי אוֹתִי וְאֶת בַּעֲלִי פב״פ.

אונד מיט דיינער גראָססען גנאַדע, זאָללסט דוא מיך לאַססען זוכה זיין, איך אונד מיינען מאַן (פלוני בר פלוני).

לְמַלֹּאת מִסְפַּר יָמֵינוּ עַד מְלֹאת שְׁנוֹתֵינוּ שִׁבְעִים שָׁנָה׃

צו פֿערלענגערן אונזרע יאַהרע אונד טאַגע; דאַמיט דיא גאַנצע צאַהל פֿאָן אונזערן יאַהרען אונד טאַגען, וועלכע וויר צו לעבען האַבען, דאַז זיעבציג יאַהרע, פֿאָלל ווערדע.

וּתְהִי אַהֲבָה תָּמִיד בֵּינֵינוּ וְהָסֵר מֵאִתָּנוּ לֵב רַגָּז וְהַקַּפְּדָנוּת׃

אונד עס זאָלל צווישען אונז זיין לויטער ליעבע אונד פֿריינדשאַפֿט, אונד ווענדע פֿאָן אונז אַב יעדע פֿערדריעסליכקייט אונד יעדען צוויזט.

וְשֶׁלֹּא יִפְּלוּ כָּל יָמֵינוּ מַחֲלוֹקוֹת וּקְטָטוֹת בֵּינֵינוּ׃

אונד עס זאָלל ניא אויזברעכען צווישען אונז אונאייניגקייט אונד צאַנק, זאָ לאַנג וויר לעבען.

אֲבָל נְבַלֶּה בְּטוֹב יָמֵינוּ, וְהָסֵר מֵאִתָּנוּ כָּל מִינֵי צַעַר וּדְאָגָה שֶׁבָּעוֹלָם׃

זאָנדערן וויר זאָללען אונזרע יאַהרע אונד טאַגע צובריינגען אין לויטער צופֿריעדענהייט אונד פֿריידע, אונד ווענדע אַב פֿאָן אונז יעדען צער אונד אַללע דאגות פֿאָן דער וועלט.

וְשֶׁלֹּא תְהִי לָנוּ שׁוּם טִרְדָּה שֶׁבָּעוֹלָם מִטִּרְדוֹת הַזְּמַן׃

דאַס וויר גאַר קיינע זאָרגע האַבען זאָללען, אין אַללען אומשטענדען, אין וועלכע וויר קאָממען קעננטען.

וּתְזַכֶּה אוֹתִי וְאֶת בַּעֲלִי לְגַדֵּל אֶת בָּנֵינוּ וְאֶת בְּנוֹתֵינוּ׃

אונד זייא מיך מיט מיינעם מאַן מזכה. דאַס וויר ערציעהען זאָללען אונזרע זאָהנע אונד טעכטער לתורה, לחופה ולמעשים טובים. אמן.

וְשֶׁיִּהְיוּ בָנֵינוּ וּבְנוֹתֵינוּ בַּעֲלֵי עוֹשֶׁר וְכָבוֹד וַחֲסִידִים וַחֲסִידוֹת, וְלֹא יָמוּת אֶחָד מִבָּנֵינוּ אוֹ אַחַת מִבְּנוֹתֵינוּ בְּחַיֵּינוּ.

אונד לאַס אונזרע זֶהנע אונד טעכטער זיין לויטער בעלי עושר וכבוד אונד חסידים וחסידות; אונד עס זאָלל ניעמאַנד פאָן אונזערן זֶהנען אָדער טעכטערן בייא אונזערם לעבען שטערבען.

רַק תְּמַלֵּא מִסְפַּר יְמֵיהֶם וּשְׁנוֹתֵיהֶם בְּשֵׂיבָה טוֹבָה וּבְמַזָּל טוֹב.

זאָנדערן דאַ זאָללסט דיא צאַהל איהרער יאַהרע צו איינעם גוטען אַלטער אונד איינעם גוטען מזל פאָלל ווערדען לאַססען.

וַאֲנִי וּבַעְלִי (פב"פ) נְגַדְּלֵם יַחַד בְּאַהֲבָה בְּחִבָּה וּבִבְרִיאוּת וּבְשַׁלְוָה וּבְהַשְׁקֵט וָבֶטַח וּבְעוֹשֶׁר וְכָבוֹד לַאֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים.

אונד איך אונד מיין מאַן (פב"פ) זאָללען זוכה זיין, זיא מיט איינאַנדער צו ערציעהען אין ליעבע אונד פריידען, מיט רוהיגעם הערצען אונד מיט עושר וכבוד צו לאַנגען יאַהרען אונד טאַגען.

אַתָּה יְיָ תְּזַמֵּן לָזוּן וּלְפַרְנֵס וּלְכַלְכֵּל אֶת בָּנֵינוּ וְלִתֵּן לְכָל אַחַת מִבְּנוֹתֵינוּ נְדוּנְיָה הָרְאוּיָה לְפִי כְבוֹדֵנוּ.

דו גאָטט זאָללסט אונז בעשערען, דאַס וויר זאָללען ערנעהרען אונד פערפפלעגען קעננען אונזרע זֶהנע אונד טעכטער, אונד דאַס וויר זאָללען יעדעם אונזרער קינדער געבען קעננען איינע נדוניה, וועלכע זיך געביהרט אונזערם כבוד נאַך.

וְתַצִּיל אוֹתִי וְאֶת בַּעֲלִי (פ"ב"פ) וּבְנוֹתַי (פלונית ופלונית).

אונד בעשיטצע מיך אונד מיינען מאַן (פב"פ) אונד מיינע טעכטער (פלונית ופלונית).

וְאֶת בָּנַי (פלוני ופלוני) מִכָּל מִינֵי פֻּרְעָנִיּוֹת וּמִכָּל גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת הַמִּתְרַגְּשׁוֹת וּבָאוֹת לָעוֹלָם:

אונד מיינע זֶהנע (פלוני ופלוני) פאָר אַללען פורעניות אונד בעזען עראייגניסען, אונד פאָר אַללען גזרות מיט וועלכען דיא מענשען היימגעזוכט ווערדען.

מֵאָדָם רַע וּמִפֶּגַע רַע מִשָּׂטָן הַמַּשְׁחִית וּמֵעַיִן הָרָע.

פאָר בעזען מענשען אונד בעזען בעגעגנונגען, פאָר פערדערבען, אונד אַללען מיני עין הרע.

מִדִּין קָשֶׁה וּמִבַּעַל דִּין קָשֶׁה וּמִלִּסְטִים וְשׁוֹדְדִים וְשׁוֹלְלִים וְחוֹמְסִים וּמִכָּל אוֹיֵב וְשׂוֹנֵא הֵן בָּעִיר.

פאָר בעזען, האַרטען אונד שווערען גערישטען, פאָר אַללען האַרטען אונד שווערען בעלי דינין, פאָר רייבערן, דיעבען אונד מערדערן, אונד פאָר אַללען פיינדען; עס זייא אין דער שטאַדט,

וְהֵן בַּשָּׂדֶה, הֵן בַּיַּעַר וְהֵן בַּדֶּרֶךְ, הֵן בָּהָר וְהֵן בַּבִּקְעָה.

אָדער אויף דעם פעלד! עס זייא אים וואַלדע אָדער אויף דער שטראַססע;

עז זייא אויף דעם בערגע אָדער אים טהאַלע; איבערהויפט אַן אַללען אָרטען וואָ וויר זיין ווערדען.

בֵּין בַּיּוֹם וּבֵין בַּלַּיְלָה, וְתַצִּילֵנוּ מֵחֳלָיִם רָעִים, הֵן חוֹלִי רֹאשׁ,

עז זייא בייא טאַג אָדער בייא נאַכט — אונד בעשיטצע אונז אויך פֿאָר אַללען בעזען קראַנקהייטען; עז זייא אַ"ן קאָפּפֿשמערצען,

וְחוֹלִי הָעֵינַיִם וְהָאָזְנַיִם וְהֶחָזֶה וְהַלֵּב וְאִשְׁתָּא צְמִרְתָּא וְהַשִּׁנַּיִם·

אָדער אויגענשמערצען, אָדער אָהרענשמערצען, אָדער ברוסטוועה, אָדער הערצוועה, אָדער איין אין קדחת רחמנא ליצלן, אָדער צאַהנשמערצען,

וְחוֹלִי תַחְתּוֹנִית וְכָל שְׁאָר מִינֵי מַדְוֶה וּמַחֲלָה הֵן בַּחֲלַל הַגּוּף אוֹ חוּץ לַחֲלַל הַגּוּף.

אָדער דיא קראַנקהייט וועלכע הייסט (**תחתונית**), אָדער זאָנסט אַנדרע שמערצען אונד קראַנקהייטען; עז זייא איננווענדיג אים לייבע, אָדער אויסווענדיג.

אָנָּא יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁתְּמַלֵּא כָּל מִשְׁאֲלוֹת לִבִּי לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה·

איך ביטטע דיך, גאָטט מיין גאָטט, אונד גאָטט מיינער עלטערן! דאַס דוא זאָללסט ערפֿיללען אַללע דיא וואונשע מיינעס הערצענס צום גוטען אונד צום זעגען.

אַל תַּעֲמוֹד שִׂטְנָה לִתְפִלָּתִי רַק יְהִי לִי

אונד עז זאָלל מיינער תפלה ניכטס ענטגעגען שטעהען; זאָנדערן איך זאָלל האַבען

כַּמָּה וְכַמָּה מַלְאֲכֵי רַחֲמִים מְלִיצֵי יוֹשֶׁר· וְקַיֵּם בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב: וְתִגְזַר אוֹמֶר וְיָקָם לָךְ וְגַם מִקְרָא שֶׁכָּתוּב·

פֿיעלע באַרמהערציגע מלאכים אַלס גוטע פֿירשפּרעכער, אונד עז זאָלל אַן מיר בעשטעטיגט ווערדען דער פסוק, דער דאַ הייסט: דוא ווירסט איינע זאַכע ווינשען, אונד זיא ווירד דיר געוועהרט ווערדען. וויא אויך דער פסוק דער דאַ הייסט:

הָאִירָה פָּנֶיךָ עַל עַבְדֶּךָ וְהוֹשִׁיעֵנִי בְּחַסְדֶּךָ· יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי·

לאַס דיין אַנטליטץ לייכטען אויף דיינען קנעכט, אונד הילף מיר נאַך דיינער גנאַדע — עז זאָללען געפֿעללינג זיין דיא וואָרטע מיינעס מונדעס, אונד דיא געדאַנקען מיינעס הערצענס פֿאָר דיר, עוויגער מיין גאָטט! אונד מיין ערלעזער! — אמן.

כ. דיעזע **תחנה** זאַגע מאַן גלייך בייא דעם אויפֿשטעהען נאַך דעם האַנדוואַשען.

איך בין נון בערייט, אויף מיך צו עמפּפֿאַנגען דיא מצוה פֿאָן דעם לעבענדיגען גאָטט (**יתברך שמו**), דער דאַ פֿערבאָרגען איזט אַללען, דיא דאַ לעבען, וועגען זיינער גראָסען קדושה; אונד איך גלויבע וואַהרהאַפֿט מיט גאַנצעם הערצען, דאַס דער שעפּפֿער, געלאָבט זייא ער! איין עוויגער גאָטט איזט; דעסען איינהייט ניכט איהרעס גלייכען האַט, אין קיינערלייא געשטאַלט, וויא דאַ געשריבען שטעהט אין דער הייליגען **תורה**: **שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד.** — אונד אָהנע איהן איזט קיין גאָטט מעהר. ער

אַליין האַט ערשאַפפען אַלע דיא אָבערזטען היממעל מיט אַל איהרען הערען, דיא ערדע מיט אַל איהרעם העער. ער האַט ערשאַפפען אַלע געשעפפע, מענשען, **בהמות, חיות ועופות**, פישע אונד אַלערלייא **שרצים** פאָן גראָס ביז קליין, אונד ער שפייזט אויך מיט זיינער גראָסען באַרמהערציגקייט אַלע געשעפפע. דער אונטערזטע **עולם** איזט דער, וואָ וויר מענשען וואָהנען, דער הייסט: **עולם השפל**, דער שלעכטע **עולם**; דאָך פינדעט מאַן אויך אין דיעזעם שלעכטען **עולם** פיעל טויזענד אונד טויזענד געשעפפע, אין וועלכען מאַן גאָטטעס וואונדער אונד זיינע בעזאָנדערע **חכמה** זיעהט. יעדאָך איזט דיעזער **עולם** נור אַלס איין זענפקערנליין גערעכנעט געגען דען **עולם הגלגלים**, דאַז זינד דיא היממעל, וואָ מאַן צעהלט דיא זיעבען פלאַנעטען, דיא צוועלף **מזלות**, אונד אַלע שטערנע, דיא אַלע אין דער לופט האַנגען דורך דיא גראָסע מאַכט אונד קראַפט פאָן **הש"י** אונד דער **עולם הגלגלים** איזט ניכטס מעהר אַלס איין זענפקערנליין געגען דען **עולם המלאכים**, וואָ דיא **מלאכים** זינד; אונד דער **עולם המלאכים** זעלבסט איזט ניכטס מעהר אַלס איין זענפקערנליין געגען זיין הייליגעס וועזען, געלאָבט זייא ער איממער אונד עוויג! זיינע גראָסע אונד העררליכקייט האָט קיינען **שיעור** אונד קיינען **ערך**! — איך גלויבע אויך וואָהרהאַפט מיט מיינעם גאַנצען הערצען, דאַס דער שעפפער איזט איין הערר איבער אַלע העררען, אונד אַלע דיא **כח** אונד **גבורה** איזט אין זיינער האַנד אונד ער האָט דיא געוואַלט צו טהון, וואַז ער וויל. ער הערט אונד זיעהט אונד וויס אַלעז, **אפילו** דאַז, וואַז דער מענש אין זיינער **מחשבה** האָט, **מכ"ש** דאַז ער אַלעז וויס, וואַז דער מענש טהוט, עז זייא גוט אָדער **חס ושלום** שלעכט. אונד איך גלויבע אויך וואָהרהאַפט, דאַס דער שעפפער יעדעם מענשען זיינען לאָהן גיבט, נאַכדעם דער מענש האַנדעלט, עז זייא גוט אָדער **חס ושלום** בעזע; גיבט ער איהם זיינען לאָהן ניכט אויף דיעזער וועלט, זאָ גיבט ער איהם דענזעלבען אויף דער אַנדערן וועלט. עז געשיעהט קיינעם אונרעכט, דען ער הייסט: **אל אמונה**; אונד איך גלויבע אויך, דאַס דער שעפפער ווירד אַם ענדע דיא **מתים** ווידער לעבענדיג מאַכען, מיט זיינער באַרמהערציגקייט. אויף איהן האַבע איך מיינע האָפפנונג, אונד איהם איבערגעבע איך מיין **נפש, רוח ונשמה**; אונד איך בין אויף מיך **מקבל** זיינע **מלכות**, איהם צו דיענען מיט גאַנצעם לייב, מיט גאַנצעם הערצען אונד גאַנצעם מונד.

כא. דיעזע **תחנה** זאַגע מאַן אויך פריה גלייך נאַך דעם הענדעוואַשען.

אנא השם! איך ביטטע דיך, גאָטט **אלהי ישראל**! ערהערע מיינע **תשובה**, דיא דאַ גאַנץ איזט, אונד פערגיב מיר מיינע זינדען אונד מיינע מיסעטהאַטען, דען דוא ביזט לאַנגמיטהיג אונד דיינע גנאַדע אונד באַרמהערציגקייט איזט גראָס. לאַס דאַהער מיינע **תפלה**, דיא איך פאָן גאַנצעם הערצען בעטע, פאָר דיך קאָממען, אונד לאַס מיך ניכט לעער פאָן דיר אויזגעהען, דען דוא ביזט יאַ איין באַרמהערציגער גאָטט, דער דאַ ערהערט דיא **תפלות** דער אַרמען; ערבאַרמע דיך דאַהער אויך איבער מיך. עז זאָל זיין דיין ווילע, גאָטט מיין גאָטט! אונד גאָטט מיינער עלטערן! דאַס דוא מיר אֶפפנען זאָלזט דיא פאָרטען דער **תשובה**, **תפלה** אונד באַרמהערציגקייט, אונד ערהערע מיין געבעט, גלייכוויא דוא ערהערט האַזט דיא **תפלות**

פֿאָן אונזערן עלטערן: דיא **תפלה** פֿאָן **אברהם** אויף דעם בערג **מוריה**, דיא **תפלה** פֿאָן **יצחק**, אַלז ער געבונדען וואַר אויף דעם **מזבח**, אונד דיא **תפלה** פֿאָן **פינחס** אין דער פֿערזאַמלונג, אונד דיא **תפלה** פֿאָן **אליה** אויף דעם בערגע **כרמל**, אונד דיא **תפלה** פֿאָן **שמואל** אין **מצפה**, אונד דיא **תפלה** פֿאָן **דויד** אונד זיינעם זאָהנע **שלמה** אין **ירושלים**, אונד דיא **תפלה** פֿאָן **דניאל** אין דער לאָווענגרובע, אונד דיא **תפלה** פֿאָן **חנניה מישאל ועזריה** אין דעם קאַלקאָפֿען, אונד דיא **תפלה** פֿאָן **מרדכי ואסתר** אין **שושן הבירה**, אונד דיא **תפלה** פֿאָן אַללען **צדיקים** אונד **חסידים**; זאָ ערהאָרע אויך מיינע **תפלה**, דען דוא ביזט גערעכט, אונד איבסט גערעכטיגקייט. — איך ביטטע דיך גאָטט! טהוע אַללע בעזען געדאַנקען אַב פֿאָן מיינעם הערצען, אונד גיב מיר אין דען זין, דיך צו פֿירכטען אונד דיינע **תורה** צו האַלטען, מאַכע מיך ווירדיג צו אַללען גוטען ווערקען, אונד גיב מיר גנאַדע אין דיינען אויגען אונד אין דען אויגען אַללער מענשען, פֿאָן יעטצט ביז עוויג. צו דיינער היללפֿע האָפֿפֿע איך גאָטט! מיין גאָטט! אונד גאָטט מיינער עלטערן **אברהם**, **יצחק** אונד **יעקב**! הערר איבער אַללע וועלט! איך קאָממע דאַ פֿאָר דיך צו ביטטען, דאַס דוא דיינעס נאַמענס אונד דיינער באַרמהערציגקייט וועגען אַנגענעהמען זאָללסט מיין געבעט, דאַז איך בערייטס געבעטעט האַבע פֿאָר דיר אונד דאַז איך נאָך בעטען וויל. עֶפֿפֿנע מיר דיא פּפֿאָרטען פֿאָן **תפלה**! אונד לאַס מיך ניכט לעדיג פֿאָן דיר אויזגעהען. בעשיטצע מיך, מיינען מאַן, מיינע קינדער, ווא אויך אַללע מיינע גוטען פֿריינדע אונד **כל ישראל**. פֿאָר דען הענדען דער **אכזריים**, פֿאָר אַללען **תפיסות**, פֿאָר אַללען בעזען קראַנקהייטען, אונד פֿאָר אַללען ליידען. גיב אונז **מזל** אין אונזערן ווערקען, אונד אונזרע נאַהרונג זאָללסט דוא ערטהיילען מיט גנאַדע, אין לויטער גליקק, אין עהרען אונד פֿראָממיגקייט. ליעבער הערר גאָטט! אין דיינע הענדע בעפֿעהלע איך מיינע זעעלע, דען דוא ביזט איין וואַהרער גאָטט! געלאָבט זייזט דוא אימאער אונד עוויג! — בעהיטע מיך, מיי-נען מאַן אונד מיינע קינדער, ווא אויך אַללע מיינע גוטען פֿריינדע, פֿאָר אַללען בעזען געדאַנקען, אונד שיקקע **משיח בן דוד** אין אונזערן טאַגען. לאַס קיינע בעזען בעגיערדען איבער מיך הערשען אונד פֿערהיטע דיא בעזען רעדען אַללער דעריעניגען, דיא אויף מיך, מיינע גוטען פֿריינדע אונד **כל ישראל** בעזע רעדען, דאַס איהרע בעזע רעדען ניכט שאַדען זאָללען. — אַללמעכטיגער גאָטט! בעהיטע מיך פֿאָר איינעם שמערצפֿאָללען טאָד; ווען דוא איהן אויף מיך שיקקסט, זאָ זאָלל עס זיין מיט גנאַדע אונד ניכט מיט צאָרן, אונד לאַס איהן איינע **כפרה** זיין אויף אַללע מיינע זינדען. לענקע אונד שטאַרקע מיין הערץ, וויל איך נאָך לעבע, דאַס עס ווירדיג ווירד, דיינע **מצות** צו טהון, אונד דאַס עס דיינער **תורה** ניכט פֿערגעסע. — ליעבער גאָטט! איך בין דיין קינד, פֿערגיב מיר מיינע זינדען, דאַ איך געקאָממען בין, אום דיינע גנאַדע צו ביטטען, אונד שיקקע מיר **מלאכי יושר**, דיא פֿיר מיך ביטטען זאָללען, דאַס איך קיינעס פּלאָטצליכען טאָדעס שטערבע, דאַז ווערדע וואַהר — אמן סלה.

מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי אֵל אֱלֹהֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר שֶׁרְפוּאָתִי בְּיָדֶךָ וּמִיתָתִי בְיָדֶךָ. יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁתְּרַפְּאֵנִי רְפוּאָה

שְׁלֵמָה וְיַעֲלֶה זִכְרוֹנִי וּתְפִלָּתִי לְפָנֶיךָ כִּתְפִלַּת חִזְקִיָּה בְּחָלְיוֹ. וְאִם קָרְבָה עֵת פְּקוּדָתִי לָמוּת תְּהֵא מִיתָתִי כַּפָּרָה לְכָל חַטֹּאתַי וּלְכָל עֲוֹנַי וּלְכָל פְּשָׁעַי שֶׁחָטָאתִי וְשֶׁעָוִיתִי וְשֶׁפָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ מִיּוֹם הֱיוֹתִי עַל הָאֲדָמָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה וְתֵן חֶלְקִי בְּגַן עֵדֶן וְזַכֵּנִי לְעוֹלָם הַבָּא הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים וְתוֹדִיעֵנִי אוֹרַח חַיִּים שׂוֹבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ נְעִימוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח. בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה:

אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי תָּבוֹא לְפָנֶיךָ תְּפִלָּתִי וְאַל תִּתְעַלַּם מִתְּחִנָּתִי שֶׁאֵין אֲנִי עַזּוּת פָּנִים וּקְשֵׁה עוֹרֶף לוֹמַר לְפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי צַדִּיק אֲנִי וְלֹא חָטָאתִי אֲבָל אֲנִי חָטָאתִי ·

אָשַׁמְתִּי · בָּגַדְתִּי · גָּזַלְתִּי · דִּבַּרְתִּי דֹפִי · הֶעֱוֵיתִי · וְהִרְשַׁעְתִּי · זַדְתִּי · חָמַסְתִּי · טָפַלְתִּי שֶׁקֶר · יָעַצְתִּי רָע · כִּזַּבְתִּי · לַצְתִּי · מָרַדְתִּי · נִאַצְתִּי · סָרַרְתִּי · עָוִיתִי · פָּשַׁעְתִּי · צָרַרְתִּי · קִשִּׁיתִי עוֹרֶף · רָשַׁעְתִּי · שִׁחַתְּתִּי · תִּעַבְתִּי · תָּעִיתִי · תִּעְתָּעְתִּי · סַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ הַטּוֹבִים וְלֹא שָׁוָה לִי · וְאַתָּה צַדִּיק עַל כָּל הַבָּא עָלַי כִּי אֱמֶת עָשִׂיתָ וַאֲנִי הִרְשָׁעְתִּי ·

מַה נֹּאמַר לְפָנֶיךָ יוֹשֵׁב מָרוֹם וּמַה נְּסַפֵּר לְפָנֶיךָ שׁוֹכֵן שְׁחָקִים הֲלֹא כָּל הַנִּסְתָּרוֹת וְהַנִּגְלוֹת אַתָּה יוֹדֵעַ · אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם וְתַעֲלוּמוֹת סִתְרֵי כָּל חָי · אַתָּה חוֹפֵשׂ כָּל חַדְרֵי בָטֶן וּבוֹחֵן כְּלָיוֹת וָלֵב אֵין כָּל דָּבָר נֶעְלָם מִמֶּךָּ וְאֵין נִסְתָּר מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ · וּבְכֵן יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהַי וֵאלֹהֵי אֲבוֹתַי שֶׁתִּסְלַח לִי עַל כָּל עֲוֹנוֹתַי וּתְכַפֵּר לִי עַל כָּל פְּשָׁעַי · יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

הערר דער גנאַדען וועלט! גאָטט, מיין גאָטט, אונד גאָטט מיינער עלטערן אברהם יצחק אונד יעקב! דער דוא גראָס, מאָכטיג אונד פֿורכטבאַר ביזט! דער דוא עוויג גאָטט בלייבזט אונד הערר איבער דיא גאַנצע וועלט! איבער אַללע מענשען, איבער דיא טהיערע, איבער אַללעס, וואַס אים מעער איזט, איבער דיא פֿישע אונד אַללע זעעגעשעפּפֿע, וויא אויך איבער אַללעס וואַס לעבען איזט, איבער דיא ענגעל, דיא זאָננע, דען מאָנד אונד דיא שטערנע, וועלכע אַללע אין דיינער מאַכט זינד אונד דיא דוא לענקסט אונד רעגיערסט. דוא גיבזט יעדעם געשעפּף זיינען בעדאַרף נאַך זיינעם צוועקק וואָצו עס איזט ערשאַפֿ-פֿען וואָרדען — דוא אַללײן גאָטט יתברך בעדאַרפֿסט קיינע געשעפּפֿע, ווידער אים הימעל נאָך אויף ערדען נאָך אים וואַססער; דען דוא וואַרסט פֿאָר אַללען געשעפּפֿען בעפֿאָר נאָך הימעל אונד ערדע וואַר, אונד ווירסט זיין אויך נאָך אונטערגאַנג אַללער געשעפּפֿע פֿאָן עוויגקייט צו עוויגקייט. עס איזט ניעמאַנד ווידער אים הימעל נאָך אויף ערדען, וועלכער געהאָריג ערצאָהלען קאָננטע דיינע קראַפֿט, מאַכט, הייליגקייט, ריינהייט אונד איינ-הייט. דיין נאַמע איזט געלאָבט, אונד דיין קאָניגטהום איבער אַללעס ערהאַבען!

פֿאָר דיינעם נאַמען פֿירכטען זיך דיא שאַרען אַללער הימעלסענגעל, דיא דיך אימערוואָהרענד לאָבען אונד דיך ניעמאַלס זעהען קאָננען; פֿאָר פֿורכט דיינעס הייליגען נאַמענס פֿליעהט דאַס מעער הינטער זיך אונד אַללע זיינע וועללען ציטטערן; פֿאָר דיינעם נאַמען ערציטטערט דיא ערדע אונד איהרע גרונדפֿעסטען וואַנקען; פֿאָר פֿורכט דיינעס נאַמענס ערציטטערן אַללע וועלטען אָבען, אונד אַללעס, וואַס אין דען טיעפֿסטען טיעפֿען דער ערדע איסט, ערשריקקט פֿאָר דיינעם הייליגען נאַמען; דאַס גן עדן מיט אַללעם, וואַס דאַרין איסט, לאָבט דיינען הייליגען נאַמען, אונד אַללעס, וואַס נור לעבענס־הויך אין זיך האַט, גיבט כבוד דיינעם הייליגען נאַמען. זאָ אויך איך דיינע מאַגד, טאָכטער דיינער מאַגד, דיא איך ערשאַפֿפֿען וואָרדען בין אויס ערדע אונד אום וויעדער צור ערדע, אונד דיא איך נור בלוט אונד פֿלייש בין; גלייך איינעם שאַטטען אַן דער וואַנד, דער באַלד פֿערגעהט, אונד גלייך איינעם גראַז, דאַס באַלד פֿערוועלקט. מיט פֿורכט אונד ציטטערן קאָממע איך פֿאָר דיינעם הייליגען נאַמען, מיט געביקקטעם לייב אונד מיט גראָססער דעמוטה אונד אונטערוואָרפֿיגקייט, צו בענעדייען דיינען הייליגען נאַמען, אונד דיך צו ביטטען, וויא איין אַרמער מאַן אַן דער טהירע איינעס רייכען. — גאָטט! מיין גאָטט! זייא גנעדיג אונד ערהערע מיך מיט דיינער גראָססען באַרמהערציגקייט! אַנטוואָרטע מיר אונד בעגנאַדיגע מיך, ריכטע מיך אויף אונד ערנעהרע מיך, זעגנע מיך אונד שרייבע מיך איין אין דאַס בוך דעס עוויגען לעבענס מיט אַללען צדיקים אונד צדקניות. גיב מיר טהייל אַן דיעזער אונד אַן יענער וועלט. גאָטט אַללמעכטיגער! בעגליקקע מיך אין אַללען מיינען וועגען אונד שטעגען אונד אין אַללען ווערקען מיינער הענדע. שענקע מיר פֿערגעבונג, קלוגהייט, פֿערשטאַנד אונד פֿערנונפֿט, אונד פֿערלייהע מיר איין גוטעס הערץ אונד גוטע געדאַנקען, דאַס איך בערייען זאָלל מיינע זינדען אונד זאָלל תשובה טהון, אונד דאַס איך דיא בעזען געדאַנקען ניכט פֿערלייטען, בעזעס צו טהון. רייכע מיר דיינע רעכטע האַנד אונד עמ־פֿאַנגע מיך מיט גנאַדע נעבסט אַנדערן, דיא זיך צו דיר מיט גאַנצעם הער־צען בעקעהרען, אונד פֿיהרע מיך אין אַללען מיינען וועגען אויפֿריכטיג. גיב מיר געזונדהייט אונד שטאַרקע, דאַס איך דיינעם נאַמען דיענען קעננע מיט אַללען מיינען גליעדערן, דיא דו אַן מיר ערשאַפֿפֿען האַסט. דו האַסט דען קינדערן ישראל צווייא הונדערט אַכט אונד פֿיערציג מצות אַנבע־פֿאָהלען, וועלכע זיא טהון זאָללען; אונד דו האַסט זיא פֿערזיכערט, דאַס, ווען זיא יענע געבאָטע האַלטען ווירדען, זאָ וואָללעסט דו איהנען געבען דאַס ליכט, וועלכעס דען צדיקים אונד צדיקות אויף יענער וועלט פֿאָרבע־האַלטען איסט. — גאָטט מיין גאָטט! גיב, דאַס איך אימער נור גוטעס רעדע אונד טהוע פֿאָר דיר, אונד לאַס ניכטס בעזעס אויס מיינעם מונד געהען, וועלכעס דיינען נאַמען ענטהייליגען קעננטע. איך ביטטע דיך גאָטט, מיין גאָטט! ווען איך אויך נור ווענינ גוטעס טהוע, זאָ לאַס עס דאָך דיר וואָהלגעפֿאַללען! עמפּפֿאַנגע עס זאָ ליעבליך, אַלס האַטטען עס געטהאַן דיא צדיקים אונד חסידים, צדיקות וחסידות אונד אַללע דיעניגען, וועלכע איה־רען לייב דעם טאָד הינגעגעבען האַבען, דיינעס הייליגען נאַמענס וועגען. לאַס מיין געבעט אָהנע אַללע הינדערניס פֿאָר דיר קאָממען אונד עמפּפֿאַנגע עס, וויא דו עמפּפֿאַנגען האַסט דאַס געבעט פֿאָן מנשה מלך יהודה, אַלס

ער זיך פֿאָר דיר געדעמיטהיגט אונד **תשובה** געטהאַן האַט, אונד וויא דוא עמפּפֿאַנגען האַסט דאַס געבעט אַללער בעלי **תשובה**, וועלכע זיך פֿאָר דיר געדעמיטהיגט האַבען, זאָ עמפּפֿאַנגע אויך מיין געבעט הייטע אונד אַללע טאַגע מיינעס לעבענס. עמפּפֿאַנגע עס, וויא דוא עמפּפֿאַנגען האַסט דיא אָפּפֿער, וועלכע דער **כהן** דאַרגעבראַכט האַט אויף דעם **מזבח**, צו דער צייט, דאַ דיין טעמפּעל נאָך **שטאַנד**, אום דיא פֿערגעבונג אַללער **מיסעטהאַטען** דיינער קינדער **ישראל** צו בעווירקען. איין טהייל פֿאָן יענען אָפּפֿערן איזט פֿער- בראַננט וואָרדען, אום איינען אַנגענעהמען דופֿט פֿאָר דיינער **הייליגקייט** אויפֿשטייגען צו לאַססען, אונד איין טהייל דאַפֿאָן איזט געגעססען וואָרדען. יעטצט אַבער איזט וועגען דער זינדען אונזרער עלטערן אונד וועגען אונזרער זינדען **דיעזעס** הייליגע הויז, וואָ דיינע הייליגע **שכינה** זאָנסט רוהטע, צער- **שטאָרט**. וויר האַבען קיינען **כהן מעהר**, קיינע אָפּפֿער, אונד קיינע **לויים**, וועלכע ביים דיינען קרבנות דיא הייליגען געזאַנגע זאַנגען, מיט האַרפֿען, לויטען אונד אַללערלייא זאַיטענשפּיעל דיינעם הייליגען נאַמען צו עהרען. וויר האַבען נונמעהר קיין **בית המקדש**, קיינען **שולחן**, קיינע **מנורה**, קיינען **ארון** אונד קיין **כפורת**, אונד דיא הייליגע **שטאַדט ירושלים** איזט **צערשטאָרט**. דיין געליעבטעס פֿאָלק **ישראל** ליידעט, אינדעם עס פֿערטריעבען איזט אונטער פֿאָל- קער; דעזוועגען לאַססען מיינע אויגען טהרענען וויא וואַססער פֿליעססען טאַג אונד נאַכט אָהנע אונטערלאַס, דאַס דוא וויעדער געדענקען זאָללסט דיינעס בערגעס ציון, דער **שטאַדט**, אויף וועלכע דיין נאַמע איזט גענאַננט וואָרדען, וואָ דיינע **שכינה** גערוהעט האַט אונד וואָ דוא עמפּפֿאַנגען האַסט דיא געבעטע אַללער דעריעניגען, וועלכע דיך אַנגערופֿען האַבען אויס דעם איננערזטען איהרעס הערצענס. — נון, הערר אַללער וועלט! יעטצט האַבען וויר ניכטס **מעהר** דיר דאַרצובריגגען, אַלס דיא געבעטע אונזרער ליפּפּען; זיא זאָללען דיר דאַהער זאָ אַנגענעהם זיין, וויא פֿאָרמאַלס יענע אָפּפֿער, **גלייכוויא** דוא פֿער- זיכערט האַסט אונזערן פֿאַטער אברהם צור צייט, דאַ ער זיינען זאָהן **יצחק** אָפּפֿערן וואָללטע. דאַ האַסט דוא מיט איהם איין **בינדניס** געמאַכט אונד איהם צוגעשוואָרען, זיינען נאַכקאָממען דאַס הייליגע לאַנד איינצוגעבען, אונד דיינען נאַמען אונטער איהנען רוהען צו לאַססען; וויא אויך אַללע איהרע זינדען אונד **מיסעטהאַטען** צו פֿערגעבען. ווען זיא נעמליך דיעזעלבען בערייען, אַללעז וויעדער גוט **מאַכען**, וואַס זיא בעגאַנגען האַבען אונד אָפּפֿער ברינגען ווערדען**.** אונד אַלס דאַן מיינע גראָססע אַנגסט אונד **פֿורכט** דען הייליגען אברהם **בעפֿיעל,** אַלס ער פֿאָן דער צערשטאָרונג דער **שטאַדט** ירושלים אונד דעס **בית המקדש** האָרטע; דאַ האַסט דוא איהן געטראָסטעט מיט דער פֿערזיכערונג, דאַס ווען זיא אויך אים לאַנדע איהרער פֿיינדע זיין ווירדען, דוא זיא נאָך ניכט גאַנץ פֿערדערבען ווירסט. אויך האַסט דוא דורך דיינען נביא זאַגען לאַססען, דאַס ווען דיינע קינדער איהרער זינדען מיט רייע געדענקען אונד וועגען דערזעלבען בעטען ווירדען; זאָ ווערדעסט דוא איהנען פֿאָללקאָממען פֿערצייהען אונד וויעדער אויפֿבויען ירושלים אונד דאַס **בית המקדש**, דאַס דיין הייליגער נאַמע וויעדער דאַרין רוהען מאָגע. — נון דאַ **שטעהע** איך פֿאָר דיר, הייליגער גאָטט! אונד בעקעננע מיינע זינדען; איך האַבע גראָססע **חרטה** אויף דיעזעלבען אונד וויל זיא יאַ ניכט מעהר טהון. איך ביטטע דיך אַלז איינען פֿאַטער אונד קאָניג, זייא מיר מיינע זינדען **מוחל** אויף

עוויג, אונד וואַס איך מיינע נאַררהייטען אונד מיסעטהאַטען ניכט ענטגעל־
טען. ערבאַרמע דיך איבער מיך, איבער מיינען מאַן, איבער מיינע קינדער,
אונד איבער אַללע, דיא אונס אַנגעהערען, אונד איבער אַללע קינדער ישראל,
דיא דיך אויפריכטיג אַנבעטען, אונד בעגליקקע אונס אין אַללען אונזערן וועגען
אונד שטעגען, אונד זייא אונס הילפֿרייך אין אַללען אונזערן אונטערנעהמונגען!
בעשיטצע אונס אויך פֿאָר בעזען לייטען, וועלכע אונרעכט טהון אונד נאָך
אַנדרע לייטע צום איבלען פֿערלייטען, ווא אויך פֿאָר שאַלקהאַפֿטען מענשען
אונד בעטריגערן, דיא מיט איהרעם מונדע פֿריינדליך רעדען, איהר הערץ
אַבער איזט ווייט דאַפֿאָן; ווא אויך פֿאָר דעניעניגען, וועלכע אַללע צייט בעזע
שמועות (געריכטע) פֿערברייטען, רכילות אַנבריגנען, פֿאַלש שווערען, שטעהלען
אונד ראַובען, ניעמאַנדען גוטעס טהון, אַנדערן יעדען בענייד ען אונד האַססען,
זיך פֿאָר ניעמאַנדען שעמען, אַנדערן געגען אַללע לייטע עזות פנים האַבען;
מיט איהנען לאַס מיך אונד מיינע לייטע קיינע געזעללשאַפֿט אונד קיינען
אומגאַנג האַבען, בעהיטע אונס אויך פֿאָר אַללען בעזען צופֿעללען, דיא זיך
צוויילען, ערייגנען, אַלס: פֿאָר אונצייטיגען טאָד, פֿאָר געפֿענגניס, נאָטה
אונד פֿאָר אַללען גזירות רעות וואָס אונס אויף קיינערלייא אַרט פֿעראַכטעט
אונד ניכט בעשטיממט ווערדען פֿאָר דיר אָדער פֿאָר דען מענשען, וואָס דיא
בעזע בעגיערדע (יצר הרע) ניכט איבער אונס הערשען, אַנדערן האַלטע
אונס אַן דעם רעכטשאַפֿפֿענען געפֿיהל (יצר טוב), אונד ווען עטוואַס בעזעס
דער וועלט בעשטיממט איזט, זאָ פֿערבירג אונס אים שאַטטען דיינער פֿליגעל,
אונד פֿערלייהע אונס קראַפֿט, דיר צו דיענען אונד צו האַלטען דיינע געבאָטע,
דיא דוא אונס אין דיינער היילינגען תורה אַנבעפֿאָהלען האַסט. גיב אונס אויך
אין דען זין, דאַס ויר ערמאַהנונג אַננעהמען פֿאָן אַללען, דיא אונס צו־
רעכטוועיזען אונד אונס אַנלייטען, גוטעס צו טהון אים דיענסטע דיינעס היילינגען
נאַמענס, דאַס ויר ניכט ווידערשפענסטיג געגען זיא רעדען, זיא אַנשרייען
אָדער גאַר זיא בעשעמען; אַנדערן אַללע פֿערנעהמען, דיא דיא וואַהרהייט
זאַגען; דיאַזעלבען זאָללען אין אונזערן אויגען ניכט שפל זיין, דיא אונס
צום גוטען אונטערוועיזען. וואָס אונס ניכט טראָג זיין אין דיינעם דיענסטע,
דאַס אונס דער יצר הרע ניכט אַברעדע פֿאָם פֿריה אויפֿשטעהען, אום
דיינען היילינגען נאַמען לייטליך צו לאָבען אונד איהם צו דאַנקען פֿיר דאַס
גוטע, וועלכעס דוא דיינער מאַגד יעדער צייט צוגעדאַכט האַסט. וואָס אונס
דאַהער זוכה זיין איממער מיט גוטען פֿראָממען לייטען אומצוגעהען, וועלכע
בערייטוויללינג זינד צו דיינעם דיענסטע, אונד וואָס מיינע גוטען געדאַנקען
זיעגען איבער מיינע בעזען געדאַנקען, דאַס דיעזע קיינע מאַכט האַבען מעגען
איבער מיך צו הערשען, וואָס מיינע פֿיסע נור צום גוטען געהען, מיינע האָנדע
נור גוטעס טהון, אונד מיינע אָהרען נור האָרען דברי תורה, ערמאַהנונג,
אונטערווייזונג אונד ליבליכע רעדען פֿאָן דעניעניגען לייטען, וועלכע תורה
לערנען אונד דיינע געבאָטע האַלטען, אונד וואָס מיינע אויגען אַללעס גוטע
זעהען, דאַס אַללע מיינע גליעדער לאָבען דיינען היילינגען נאַמען, אונד
גיב מיר אין מיינעס הערץ אונד אין מונטערעס געמיטה, דאָס ניכט נאַכ־
לעססיג זייא, דיר פֿאָללקאָממען צו דיענען אונד דיינע געבאָטע געהאָריג צו
ערפֿיללען, אונד פֿערלייהע מיר אויך דיא גנאַדע, דאַס איך מיינע קינדער
ערציעהען קאָננע רייכליך אונד מיט געהעריגער צוכט, דאַס זיא עהרפֿורכט

האַבען פאָר דיינעם נאַמען אונד דיינע געבאָטע ערפיללען, גיב אונז,
דאָס מיין געזינד מיר רעכט טהוע אונד אַללעז: מיט אָפּפּענער וואַהרהייט
אָהנע דיא מינדעזטע פערהעהלונג; דאַמיט אַלז בכשרות אונד אָהנע אַלל
י"ט אָדער אַלל שבת ח"ו פאָר זיך געהע. אונד ווען איך מיך אין דאַז
בעטט לעגע, זאָ בעהיטע מיך פאָר בעזען געדאַנקען, מוטהוויללען
אונד אונצוכט, אונד לאַס קיינע שאַנדע קאָממען אויף מיך, אויף מיי-
נען מאַן אָדער אויף מיינע קינדער אונד מיין הויזגעזינד; עז זייא דורך
אונז זעלבזט אָדער דורך אַנדערע לייטע, אונד לענקע מיין געזיכט אַב,
ניעמאַלז אויף דיאיעניגען לייטע צו זעהען, וועלכע בעזעז טהון, דיר
אָדער דען לייטען להכעיס; זאָנדערן מיינע אויגען זאָללען איממער נור
אויף דיאיעניגען לייטע זעהען, וועלכע גוטעז טהון אונד דיר מיט גאַנצ-
צעם הערצען דיענען. גיב מיר אויך דיא קראַפט, דאַס איך בעזע לייטע
אָדער בעזע געדאַנקען ניכט פערלייטען, נייערט צו זיין אויף גראָסען רייכ-
טהום, אויף דיאיעניגען, וועלכע גראָסע הייזער בויען, אונד זיך שעֶנע
קליידער אַנשאַפפען; זאָנדערן גיב אונז נור אונזרע בעדירפניסע פאָן דיינער
